בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

חג המצות תש"פ

גליון קמא שנה ד

בהכוונת

ע"י מכון מחשבת החינוך

המחנך הנפלא

הרב שלמה טייטלבוים שליט"א



## וואס דארפן מען געדענקען אין אזא פאל?

מנהג ישראל איז צו זאגן די הייליגע סימנים ביים סדר נאכט און דאס אפ צו טייטשן מיט ווערטער וואס איז מקובל ביי אונז פון אסאך דורות צוריק, סיי די נוסח פון די סימנים און סיי די טייטש האבן אין זיך א גרויסע חשיבות, און מיר זענען זייער מקפיד דאס איבער צו זאגן פונקט אזוי ווי מיר האבן דאס מקבל געווען אן צו טוישן קיין אייןווארט.

ביי "מגיד" טייטשט מען "מ'זאגט די הגדה פון הא לחמא עניא ביז גאל ישראל".

מיר דארפן פארשטיין וואס איז דא אזוי וויכטיג צו וויסן ביז ווי מ'זאגט די הגדה? פארוואס איז נישט גענוג אז צו זאגן "מגיד - מ'זאגט די הגדה פון הא לחמא עניא" פארוואס דארף מען וויסן ביז ווי? מ'וועט זאגן די הגדה און ווען מ'וועט אנקומען צו רחצה וועט מען זיך אפ שטעלן, פארוואס איז וויכטיג שוין אין אנהייב צו זאגן ביז ווי גייט די הגדה?

*

ס'איז שוין ראש חודש ניסן - איז דער רבי אריבער צווישן די יידן אין די בלוק - מיר דארפן זיך צוגרייטן צום סדר נאכט.

רבי לעבן - האבן די צובראכענע יידן געענטפערט - מיר זענען יעצט נישט אינדערהיים, דארט אין בלאזוב פאר דעם חרבן האט דער רבי געקענט רעדן פון פסח, אבער יעצט? דא אין גיהנום? וועלכע הכנות וויל דער רבי מאכן דא?

אפשר קענען מיר ערלעדיגן מצות פאר דעם סדר - האט דער רבי געווארפן א געדאנק.

מצות?! פון ווי? ווי אזוי? - האבן זיך די יידן ביטערליך צולאכט - הלוואי זאלן מיר האבן אפאר ברעקלעך חמץ צו עסן אפ צו שטילן אונזערע הונגער, דער רבי רעדט פון מצות.

אבער דער רבי האט זיך נישט געלאזט, און די נעקסטע פאר טעג האט ער נישט געענדיגט צו רעדן אז מ'דארף טראכטן אויף א עצה ווי אזוי מ'וועט קענען האבן א כזית מצה פאר דער סדר נאכט.

איך האב געטראפן א געדאנק - האט זיך דער רבי אנגערופן איין טאג אויפ'ן וועג צוריק פון די שווערע ארבעט - איך דארף אבער א הסכמה פון אייך אלע צוזאמען, נאר צוזאמען וועלן מיר דאס קענען אדורך פירן.

ביי נאכט אין די בלוק ווען אלע זענען ארויף געקראכן צו זייערע ברעטער האט דער רבי פארגעשטעלט זיין פלאן:

מיר באקומען דאך איין רעפטל ברויט יעדן טאג, די ברויט איז דאך חמץ, און מיר קענען דאס במילא נישט עסן אין פסח, לאמיר בעטן פון דעם מנהל פונעם לאגער ער זאל אונז געבן אנשטאט די ברויט פון פסח א זאק מיט מעהל און מיר וועלן באקן פון דעם מצות.

אויב דו ביסט מסכים צו גיין בעטן אזא זאך פון דעם שטן קענסטו גיין אליין, מיר קומען נישט מיט מיט דיר - האבן די יידן געענטפערט - מיר האפען זייער שטארק אז דו זאלסט בלייבן לעבן נאך אזא בקשה.

ניין רבי, זאלסט דיך נישט דערוואגן צו גיין - האבן זיך אנדער פון די יידן געבעטן - מיר דארפן דעם רבי'ן דא, זאל אונז ווייטער מחזק זיין לאז דיך נישט אריין אין א אבעריגע סכנה וועגן די מצות.

טייערע יידן - האט דער רבי אויס גערופן - איך האב נישט מורא צו גיין, איך וועל גיין צו דעם רשע און איך וועל אויך צוריק קומען, איך דארף נאר אייער הסכמה אז איך האב רשות מוותר צו זיין אויף אייערע שטיקל ברויט פון פסח כדי צו באקומען מעהל פאר מצות, זענט איהר מסכים אדער נישט?

נאך ווען אלע האבן מסכים געווען האט זיך דער רבי אויף געשטעלט און ארויס פונעם בלוק.

אלע האבן אים באגלייט מיט באזארגטע אויגן און מיט פסוקים פון תהילים און געהאפט ער זאל צוריק קומען, אסאך האבן געגלייבט אז ער וועט נישט צוריק קומען.

אבער, מיט גרויס סייעתא דשמיא איז דער רבי צוריק געקומען.

דער שטן האט מסכים געווען צו מיין בקשה, - האט דער רבי דערציילט מיט שמחה - ער האט געזאגט אז ער דארף נאר האבן א הסכמה פון די



## דבר העורך

פארוואס עסן אונז מצות אין פסח?

יעדער איינער ווייסט זיכער דער תירוץ, און מיר זאגן דאס אויך אין די הגדה "מצה זו שאנו אוכלין... שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים וגאלם" – אז די טייג האט זיך נישט אנגעיאגט אויף צו בלאזן און זיי זענען ארויס אזוי מיט די טייג פון מצרים, אזוי ווי ס'ווערט אויך דערציילט אין פרשת בא.

אבער איין זאך איז שווער אויף דעם ווייל אין פרשת בא אפאר פסוקים פאר דעם שטייט אז דער אייבישטער האט באפוילן די יידען צו עסן דעם קרבן פסח ביינאכט: "צלי אש ומצות על מרורים יאכלוהו" – געבראטן מיט מצה און מרור זאל מען דאס עסן, דאס הייסט אז שוין פריהער איז געווען די מצוה פון עסן מצות, ווי אזוי שטימן ביידע פסוקים צוזאמען?

נאר, די יידען אין מצרים זענען געווען אין די ערגסטע מצב פון טומאה, און מ'האט זיי געדארפט פון דארט ארויס נעמען, דאס איז זייער א שווערע זאך, און זיי האבן געטראכט צו זיך ווי אזוי וועלן מיר זיך טוישן אזוי שנעל און אזוי פיל זאכן, ס'איז צו שווער פאר אונז, ווער וועט עס קענען ביי שטיין? האט זיי דער אייבישטער געגעבן די מצוה פון מצה, וואס פארמאגט די מצה? א ביסל מעהל מיט וואסער. גאר נישט מער פון דעם, דער אייבישטער זאגט זיי: מיינע טייערע קינדער "שובו אלי" ס'איז נישט אזוי שווער ווי ס'זעהט אויס מיט איין טריט מיט א ביסל מצה די פשוט'סטע עסן וואס איז דא, – מיט א פשוט'ע אמונה, גלייב נאר אין מיר, גלייב אז איך קען דיר ראטעווען און גלייב אז דו קענסט ווערן געראטעוועט. דאס איז די איין בחינה פון מצה, די מצה וואס איז געווען אין מצרים, "ויאמן העם" – פשוט גלייבן, אמונה פשוטה.

שפעטער, נאך ווען זיי זענען שוין ארויף א מדרגה, זיי האבן שוין געהאלטן ביים ארויס גיין פון מצרים, האבן זיי באקומען די צווייטע מאל די מצוה פון מצה, דער אייבשטער זאגט זיי דא: ווען איהר הייבט אן צו האבן השגות, ווען מ'הייבט זיך העכער ארויף און ארויף, איין זאך טאר מען קיינמאל נישט פארגעסן, די אמונה פשוטה - די פשוט'ע מצה, וויסן און געדענקען אז ווי פיל מ'מיינט אז מ'פארשטייט האט מען נאך גארנישט פארשטאנען, און וויפיל מ'פארשטייט איז נאך אלץ די וויכטיגסטע זאך צו האבן אמונה פשוטה.

און דאס זאגן מיר ביי די הגדה "שלא הספיק בצקם להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים" אויך ווען מ'איז זוכה צו גילוי שכינה און צו גרויסע השגות, אבער וואס בלייבט אונז אין די הענט? נאר די מצה, נאר די אמונה פשוטה ווען מיר פארשטיין אז מ'האט נאך גאר נישט פארשטאנען.

א גוטן שבת

הויפט אופיציר אין בערלין, אבער פון זיין זייט קען דאס גיין.

ערב פסח אינדערפרי האט מען געלאזט רופן דעם רבי'ן צום הויפט מנהל, און מיט א מאדנע שמייכל האט ער אים געזאגט: "ס'איז באוויליגט געווארן דיין בקשה און דא האסטו א זאק מעהל".

אלע האבן זיך געריבן די אויגן ווען דער רבי איז אריין געקומען נאך אפאר מינוט אין דעם בלאק טראגענדיג א זאק מעהל אויף זיין אקסעל.

די יידן זענען אין איין מינוט געווארן אויף געלעבט זייערע אויגן האבן אנגעהויבן צו לייכטן, פון אפאר שטיינער מיט אפאר שטיקלעך אייזן וואס זיי האבן געטראפן איז געווארן א אויבן, און דער עולם האט זיך צו געשטעלט צו באקן מצות.

דער רבי האט געגעבן פאר יעדער איינער א תפקיד און א חלק אין די באקן, דער רבי אליין האב געקנייט די טייג לשם מצות מצוה דער עולם האט צוזאמען געזינגען די הלל, און די צובראכענע יידן האבן זיך אביסל געטרייסט און זיך אויף געלעבט אין זייערע טיפע גיהנום.

מ'האט שוין כמעט געענדיגט צו באקן די מצות, יעדער האט געבליקט צו די מצות וואס מ'וועט קענען היינט נאכט עסן ביים סדר.

פלוצלינג האט זיך געעפנט די טיר, א נאצי'שע אפיציר איז געשטאנען ביים טיר.

ווער האט דאס אלעס אנגעפירט? - האט ער געפרעגט.

די יידן וואס האבן פארשטאנען אז דער רבי האט באקומען די מעהל און די רשות צו באקן מצות, האבן רוהיגערהייט געוויזן אויף דער רבי אז ער איז דער אנפירער פון די בעקעריי.

ער איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און אים אנגעהויבן צו שלאגן שרעקליכע קלעפ, מיט די גאנצע רציחה האט ער געהאקט אין דעם רבי'ן ביז דער רבי איז אנידער געפאלן פאר'חלש'ט און צובליטיגט, ער האט זיך נאך נישט בארוהיט און צו געגאנגען צו די פעקל מצות, דאס אראפ געווארפן אויף די ערד און דאס צוטרעיט מיט זיינע שטיוועל, ער האט זיך נישט בארוהיגט ביז ער האט נישט געזעהן די אלע מצות צוברעקלט און געמישט מיט בלאטע מאכן'דיג זיכער אז קיינער וועט נישט קענען עסן פון דעם, און דער רשע איז ארויס פון בלאק.

אלע זענען צו געלאפן צו דער רבי און אים פראבירט צו דערמינטערן.

נאך א לאנגע צייט האט דער רבי האט אויף געמאכט די אויגן, דער רבי האט זיך געשטארקט און זיך אוועק געזעצט אויף די ערד, און אלע יידן האבן זיך צוזאמען געזעצט ארום און ארום.

זיי האבן זיך אנגעהויבן צו אנטשולדיגן ביים רבי'ן אויף דעם וואס מ'האט געזאגט אז ער איז דער אנפירער - מיר האבן געמיינט אז דער רבי האט באקומען רשות, און ער וועט גארנישט מאכן - האבן זיי זיך ערקלערט.

זייט'ס רוהיג, אלעס איז סדר - האט זיי דער רבי בארוהיגט - ס'איז יעצט פסח ביי נאכט, איז לאמיר אנהייבן דעם סדר נאכט.

דער רבי האט אנגעהויבן די הגדה "הא לחמא עניא" און אלע יידן האבן מיט געזאגט און מיט געוויינט אז מ'זאל זוכה זיין צו "לשנה הבאה בני חורין" - מ'זאל שוין באפרייט ווערן פון די ביטערע גלות.

ווייַן פאר ארבע כוסות איז פרשטייט זיך נישט געווען, אבער מרור איז געווען גענוג אין נאך.

ווען מ'איז אנגעקומען צו "מוציא מצה" האבן אלע אטאמאטיש געבליקט צו די בארג ברעקעלעך מיט בלאטע וואס איז געווען לעבן זיי, א זכר צו די שרעקליכע רשעות וואס האט זיך דא אפ געשפילט אפאר שעה צוריק.

טייערע יידן - האט דער רבי אויס גערופן - ווען דער רשע איז אריין געקומען אין בלאק האב איך שנעל גענומען א שטיקל מצה און באהאלטן אינטער מיינע קליידער, און דער רבי האט ארויס גענומען די שטיקל מצה און געוויזן פאר אלע יידן.

און יעצט - זאגט דער רבי - מוז'ן מיר מאכן א גורל און זעהן ווער וועט באקומען די שטיקל מצה און מוציא זיין די גאנצע עולם מיט די מצוה פון עסן מצה פסח ביי נאכט.

וואס עפעס א גורל - האבן אלע צוזאמען אויס גערופן - דער רבי האט זיך מוסר נפש געווען פאר די מצה, דער רבי האט זיך געלייגט אין א סכנה פאר דעם, דער רבי האט געכאפט קלעפ פאר אונז אלע און דער רבי וועט אויך עסן די כזית פאר אונז אלע.

פלוצלינג האט זיך אויף געשטעלט איידישע פרוי, זי איז געזעצן אין די עק פון די צימער און אויסגערופן: "רבי לעבן, איך געפין מיך דא מיט מיין זין, א קינד פון פיר יאהר וואס איך האב געראטעוועט פון די רשעים, און איך מיין אז ס'קומט זיך פאר דעם קליינעם קינד צו באקומען די שטיקל מצה".

פארוואס? - פרעגט דער רבי.

ווייל דער עיקר פון דער סדר נאכט איז די "והגדת לבנך" אויס צו לערנען די קינדער און אריבער פירן די הייליגע מסורת צו די נעקסטע דורות, די נעקסטע דורות וואס מיר האבן דא איז דער קליינער קינד, דער קינד איז אונזער נעקסטע דור וואס איז איבער געבליבן פאר כלל ישראל, און מיר דארפן זעהן ער זאל קענען ווייטער דערציילן פאר זיינע קינדער די גרויסע ניסים פון יציאת מצרים, וועגן דעם מיין איך אז ער איז דער עיקר פון דעם סדר נאכט און ער דארף באקומען די מצה.

זי איז גערעכט - האט דער רבי גע'פסק'נט.

און דער קליינער פיר יעריגער קינד האט געגעסן די מצה.

א קארצע צייט שפעטער האבן די רשעים געהאט זייערע מפלה, די מלחמה האט זיך געענדיגט, און אלע יידן זענען באפרייט געווארן פון די לאגער, די שארית הפלטה האט זיך צושפרייט, דער הייליגער בלאזובער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע און אויף געשטעלט א קליין בית מדרש'ל, אין אנהייב איז קוים געווען א מניין, אבער צוביסלעך האבן זיך צוזאמען געקומען ערליכע יידן און די פלאץ איז געווארן א שיינע ווינקל פון תורה וחסידות.

איין טאג קומט א פרוי און בעהט אריין גיין צום רבי'ן.

רבי לעבן - האט זי זיך צו וויינט - איך האב פארלוירען אין די מלחמה מיין גאנצע משפחה, מיינע עלטערן מיין מאן און אפאר פון מיינע קינדער, איך בין אליין אויף די וועלט, אבער איך וויל נישט בלייבן אליין, איך וויל חתונה האבן און צוריק אויף בויען א יידישע שטוב, מ'טראגט מיר אן פארשידענע שידוכים, אבער איך ווייס נישט ווער זיי זענען איך האב נישט ווי נאך צו פרעגן איך ווייס נישט אויף וועמען איך קען מיך דא פארלאזן, איך בעהט אויב דער רבי קען מיר ארויס העלפן און נאך פרעגן פאר מיר אויף שידוכים.

איך בין מסכים - האט איהר דער רבי געענטפערט - קענסט מיר געבן די נעמען פון די מענטשן וואס מ'האט דיר אנגעטראגן און איך וועל נאך פרעגן פאר דיר.

גראדע יעצט איז דא איין שידוך וואס מ'האט מיר אנגעטראגן, א יוד וואס הייסט ישראל שפירא, איך ווייס נישט ווער ער איז און איך בעהט אויב דער רבי קען נאך פרעגן אויף אים.

א קליינע וועלט - זאגט איהר דער רבי - צופעליג קען איך דעם ישראל שפירא, איך קען אים אליץ גאנץ א פיינער און א וואוילער מענטש, איך מיין אז ס'לונט זיך דו זאלסט דיך טרעפן מיט אים און אויב ער וועט דיר געפעלן זאלסטו מאכן דעם שידוך.

צומארגנ'ס אין די באשטימטע צייט וואס דער שדכן האט מיט איהר אפ געמאכט, איז די פרוי אנגעקומען זיך צו טרעפן מיט'ן חתן, אזוי ווי זי קומט אריין טרעפט זי דארט דער רבי שטיין און ווארטן.

רבי לעבן - האט זי געזאגט - איך האב נישט געמיינט צו בעטן דער רבי זאל זיך אזוי שטארק מטריח זיין פאר מיר, ס'איז מיר געווען גענוג די אינפארמיישן וואס דער רבי האט מיר געגעבן.

איך בין ישראל שפירא - האט איהר דער רבי געענטפערט - און איך האב געשיקט דעם שדכן זאל רעדן מיט דיר, איך געדענק נאך דעם

המשך בעמוד ד'

# אויף וואס דארפ'ן אונז געדענקען צו דאנקען?

מיר זאגן ביי די הגדה "רבן גמליאל אומר כל שלא אמר שלושה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו ואלו הן פסח מצה ומרור" - ס'איז דא דריי זאכן וואס מ'מוז דערמאנען, אויסשמועסן און זיך באדאנקען פאר דעם פסח ביי נאכט כדי יוצא צו זיין די מצוה פון סיפור יציאת מצרים.

"פסח" - דער נס וואס דער אייבישטער האט אריבער געשפרינגען איבער די יידישע שטיבער ווען ער האט גע'הרג'עט די מצרים ביי מכת בכורות, "מצה" - די נס פון די גאולה וואס דער אייבישטער האט זיך געיאגט אונז ארויס צו נעמען פון מצרים אזוי שנעל ביז די טייג האט נישט געהאט צייט זיך אויף צו בלאזן, און "מרור" - דא באדאנקט מען אויף דעם וואס דער אייבישטער האט אונז ארויס גענומען פון די ביטערע עבודת פרך וואס מיר האבן געארבעט אין מצרים.

לכאורה מוז מען דא פאר שטיין א נקודה, מילא אויף ביי "מצה" דאנקט מען אויף א נס וואס ס'איז אונז געשעהן - מ'איז שנעל ארויס פון מצרים, ביי "מרור" דאנקט מען אויך אויף עפעס וואס ס'איז געשעהן ס'האט זיך אויף געהערט די ביטערע עבודות, אבער ביי "פסח" דאנקט מען דאך גארנישט אויף עפעס וואס ס'איז געשעהן? מ'דאנקט אויף דעם וואס ביי מכת בכורות האט מען אונז נישט געהרגעט צוזאמען מיט די בכורים פון די יידן, וואס האט דאס צו טוהן מיט דאנקען? ס'האט דאך נישט צו טוהן מיט אונז בכלל? ס'איז דאך א מכה וואס געהערט פאר מצרים, איז וואס איז דא די גרויסע הודאה וואס אויב איינער טוהט עס נישט פסח ביי נאכט האט ער נישט יוצא געווען?

*

רבי יצחק איז ארויס פון די טיר פון ישיבה, באגלייט מיט אפאר בחורים וואס האבן נאך געוואלט אדורך שמועסן אפאר נקודות וועגן די שיעור וואס האט זיך יעצט געענדיגט, רבי יצחק האט מיט זיי מפלפל געווען און ערקלערט אלע זייערע קשיות ביז די סוגיה איז געווען קלאר פון אלע זייטן, נאר דעמאלס איז ער צו געגאנגען צו די טאקסי וואס האט אים אפ געווארט אזוי ווי יעדן טאג אהיים צו פארן.

רבי יצחק איז נישט געווען א בעלי בתי'שע ייד, זיין פרנסה האט ער געהאט פון די ישיבה וואס האט באצאלט זייער ווייניג, אבער פון דעסוועגן האט ער געלעבט זייער ארעם אין שטוב און אוועק געלייגט געלט כדי ער זאל קענען פארן מיט א טאקסי אהין און צוריק צו די ישיבה.

מיינע אויגן זענען צו טייער איך זאל זיי פארפאשקען אויף די באס - פלעגט רבי יצחק זאגן.

דער טאקסי דרייווער האט באמערקט ווי רבי יצחק דערנענטערט זיך, האט ער ארויס גענומען פון זיי טאש א קליינע קאפל און אנגעטוהן לכבוד דער רבי, ער איז נישט געווען א ערליכער יוד און נישט געהיטן תורה און מצוות, אבער ער האט געוואוסט ווי חשוב א ערליכער יוד איז, און ער האט זייער מכבד געווען רבי יצחק, און וועגן דעם האט ער אויסגעשטעלט די טאג אויף א אופן אז ער וועט זיין דער דרייווער וואס וועט נעמען רבי יצחק יעדן טאג אין ישיבה אהין און צוריק.

א גוטן טאג דוד - האט רבי יצחק באגריסט דעם דרייווער מיט ווארימקייט - ווי אזוי גייט אריבער דער טאג?

זייער פיין ברוך השם - ענטפערט דער דרייווער.

רבי יצחק איז געזעצן פארטראכט אין זיינע מחשבות און נישט גערעדט קיין ווארט.

אפשר קען מיר דער רבי זאגט עפעס א גוט ווארט אזוי ווי יעדן טאג - בעהט דוד דער דרייווער נאך אפאר מינוט פון שטילקייט.

מיין טייערע דוד - האט אים רבי יצחק געענטפערט - איך בין אויס געמיטשעט פונעם שיעור און איך קען נישט יעצט רעדן - אבער אפשר איינמאל וועסטו מיר עפעס זאגן.

איך קען נישט זאגן דברי תורה - זאגט דוד - אבער איך וועל דערציילן פאר דער רבי א מעשה וואס איך האב געהאט אסאך יאהרן צוריק.

אין מיינע יונגע יאהרן בין איך געווען א סאלדאט אין די מיליטער, איך האב דארט זייער שווער געארבעט און זיך געפלאגט, מיר פלעגן ארום גיין אין די פיסטע בערג און דארט זיך לערנען שווערע מלחמה וועגן, מיר זענען געקראכן מיט די שווערע זעק און שיסערס אויף שטיינער און דערנער, און דארט ארום גלאפן א גאנצן טאג.

איין טאג האבן אונז נישט געהאט די כוחות צוריק צו גיין צו אונזערע מחנה ווי מיר זענען געשלאפן, ס'איז שוין געווען שפעט ביי נאכט און אלע זענען געווען זייער מיד און אויסגעמיטשעט, האבן מיר אלע באשלאסן צו בלייבן שלאפן אויף די פלאץ וואס מיר זענען יעצט, מיר האבן זיך אראפ געלייגט אויף די ערד מיט אונזערע קליידער און ביז אפאר מינוט זענען מיר אלע איינגעשלאפן.

אינמיטן די נאכט שפרינגען אונז אלע אויף פון שרעקליכע קולות.

איינער פון אונזערע חברים איז געלעגן אויף די ערד ארום גענומען מיט א ריזיגע שלאנג, וואס קריכט ארום זיין קערפער און זיינע פוס, און דער חבר שרייט קולות וברקים מ'זאל אים קומען העלפן, מיר זענען אלע געשטאנען ארום און ארום פון דערווייטנס, און נישט געוואוסט וואס צו טוהן.

טוהט'ס עפעס, העלפטס מיר - האט דער חבר געשריגן מיט א געוויין.

אונז האבן נישט געוואוסט וואס צו טוהן אויב מיר וועלן זיך דערנענטערן, קען דער שלאנג שפירן אז מיר קומען און אונז בייסן, און אויב מיר וועלן גאר נישט טוהן וועט אונזער חבר דא גע'הרג'עט ווערן פאר אונזערע אויגן, מ'מוז דא עפעס טוהן, אבער וואס?

איך האב א געדאנק - רופט זיך אן איינער פון די סאלדאטן - מיר האבן דאך אלע שיסערס, לאמיר שיסן א קויל אויף דעם שלאנג און אים הרגענען.

אבער ווי אזוי - האבן די חברים געפרעגט - דו וועסט דאך הרגענען דעם חבר אונזערער צוזאמען מיט דעם שלאנג.

צווישן די סאלדאטן איז געווען איינער א גרויסער מומחה וואס האט געקענט שיסען זייער גוט און זייער פונקטליך, און ער האט מחליט געווען צו פראבירן צו שיסן אזוי נאנט אז דאס וועט הרגענען דעם שלאנג אבער נישט צו נאנט דער חבר זאל בלייבן לעבן. ער האט זיך אויס געזיכט א גוטע זייט און אנגעהויבן אויס צו שטעלן זיין שיסער און זיך געמאכט גרייט צו שיסן, אלע שטייען פון די זייט צוטערדיג און דערשראקן פון וואס ס'גייט דא זיין, וועט עס געלונגען אדער חלילה נישט.

א סקונדע פאר ער האט געשאסן שפרינגט אויף א אנדערע סאלדאט, יענער איז געקומען פון א יידישע שטוב און געוואוסט עפעס פון יידישקייט.

ווארט א מינוט - האט ער געשריגן פאר דער וואס גייט שיסן - ערשט לאמיר זאגן מיט אונזער חבר "שמע ישראל" א פסוק וואס יעדער יוד זאגט פאר יציאת נשמה, קבלת עול מלכות שמים, ווער ווייסט אויב דו וועסט איבער לעבן די קויל.

און דער סאלדאט מיט אלע צו זאמען האבן אויס גערופן הויך:

"שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד"

אזוי ווי זיי האבן געענדיגט דעם פסוק האט זיך דער שלאנג געגעבן א דריי אויס, אראפ פון דעם סאלדאט און אנטלויפן פון דארט.

נו? - פרעגט רבי יצחק - און וואס איז געשעהן שפעטער מיט דעם סאלדאט?

יענער סאלדאט - זאגט דער דרייווער - האט אפ געלאזט די מיליטער און געווארן א בעל תשובה, היינט איז ער א חסידישער יוד און זיינע אלע קינדער זיצן און לערנען.

און וואס איז מיט דיר? - פרעגט רבי יצחק.

איך? - וואונדערט זיך דער דרייווער - וואס האט דאס צו טוהן מיט מיר? נישט אויף מיר איז דער שלאנג ארויף געגאנגען.

ביסט גערעכט - זאגט אים רבי יצחק - דער שלאנג איז טאקע נישט ארויף אויף דיר, אבער פארוואסווארטסטו דער שלאנג זאל קומען אויף דיר? וועק דיך אויף ווען ער איז געקומען אויף דיין חבר, ער זאל דיר נישט דארפן קומען אויף וועקן.

פריי דיך אז די האסט יוצא געווען מיט זעהן דעם שלאנג, באדאנק דיך אויף דעם, און לערן ארויס די מסקנות פאר ער קומט צו דיר.

*

מיר זאגן פסח ביי נאכט "פסח" "מצה" און "מרור" מיר דאנקען טאקע ביי מצה און מרור אויף די ארויס גיין פון אונזערע צרות, אבער נישט ווייניגער פון דעם און נאך פאר אלעם דאנקען מיר אויף "פסח" אויף די צרות וואס זענען בכלל נישט געקומען, אויף די זאכן וואס וואלטן געקענט געשעהן און זענען בכלל נישט געשעהן.

א יוד האט אמאל צו געשטעלט אין זיין מניין אין בית מדרש א שיינע קידוש אינדערפרי נאכן דאווענען.

וואס איז די שמחה - האבן די אנדערע מתפללים געפרעגט.

איך האב נעכטן געהאט א שווערע עקסידענט און מיין קאר האט זיך אינגאנצן צושמעטערט און איך בין ארויס גאנץ אן קיין שום קלאפ - האט ער דערציילט בשמחה - און יעצט האב איך געברענגט לחיים צו דאנקען

דעם אייבערשטער אויף דעם גרויסן נס.

א טאג שפעטער נאכן דאווענען האט א אנדערע מתפלל ארויס געשטעלט א שיינע לחיים פאר די גאנצע עולם.

וואס איז יעצט? נאך א עקסידענט? - האבן זיך די עולם געוואונדערט.

ניין ניין, ברוך השם ס'איז גארנישט געשעהן - האט ער געענטפערט - אבער נעכטן אויפן וועג אהיים האב איך מיר געטראכט, אונזער חבר האט געהאט אזא גרויסע נס, און ער האט געוואוסט צו דאנקען, איך פאר שוין דרייסיג יאהר יעדן טאג אויף די גאס'ן און ס'איז מיר קיינמאל גאר נישט געשעהן, אלעס איז אריבער בשלום ביז היינט, איז דאס נישט א סיבה צו דאנקען, מוז דען עפעס געשעהן איך זאל מיך אויף וועקן און דאנקען? פון די נעכטיגע לחיים האב איך פארשטאנען אז איך אסאך אויף וואס צו דאנקען.

און דאס איז די סיבה צו די יעצטיגע לחיים.

מיר זאגן: "מזמור לתודה הריעו להשם כל הארץ" לכאורה דארף מען פארשטיין מילא דער וואס האט געהאט די נס זאגט "מזמור לתודה" אבער פארוואס "כל הארץ" פארוואס דארפן אלע זאגן מזמור לתודה?

נאר אזוי מיר האבן יעצט געזעהן איז זייער קלאר - דער וואס האט געהאט א נס און ארויס פון זיין צרה זאגט טאקע מזמור לתודה אויף זיין נס, אבער יעדער ארום און ארום דארף זיך אויף וועקן פון דעם און זאגן מזמור לתודה אויף דעם וואס אלעס איז געגאנגען כשורה און ער האט נישט געדארפט אנקומען צו א נס.

אויף דעם האבן מיר באקומען דעם "פסח" פאר די "מצה" און "מרור", צו געדענקען און צו לויבן אויך אויף דעם וואס ס'וואלט געקענט געשעהן און ס'איז נישט געשעהן.

דער אייבישטער זאל אונז העלפן מיר זאלן קענען זאגן אלע צוזאמען "מזמור לתודה" מיט די גאנצע הארץ און מיט גרויס שמחה, ארויסגייענדיג פון די שווערע מצב וואס מיר געפינען זיך און ס'זאל זיך ענדיגן מיט "ומלאה הארץ דעה את השם" בביאת גואל צדק בב"א.

## המשך מעמוד ב'

סדר נאכט טיף אין גיהנום ביים לאגער, ווען דו האסט דיך געבעטן פאר די שטיקל מצה פאר דיין פיר יעריגער קינד, איך געדענק נאל ווי אזוי דו האסט אינזינען געהאט די ווייטערע דורות זאלן ממשיך זיין די יידישע קייט.

אזא פרוי וואס אין דעם שווערן חרבן קען זעהן די גאולה און האט די אפענונג פאר בעסערע צייטן, א פרוי וואס אין די שווערסטע מצב זעהט פאר איהרע אויגן די גאולה און די ישועה און די ווידער בעלייבונג פון כלל ישראל, דאס איז א פרוי וואס איך ווינטש מיך מיט איהר אויף צו שטעלן מיין היים.

זיי האבן חתונה געהאט, ליידער האבן זיי נישט זוכה געווען צו האבן קינדער און דער פיר יעריגער קינד איז געווארן לימים דער ממשיך פון דער הייליגער בלאזובער רבי זיע"א

*

יעדער יוד האט אמאל צייטן וואס ער האלט ביי "הא לחמא עניא" ס'גייט אים שווער, און דער מצב איז ביטער, אבער אויך אין דעם מצב ווען ס'גייט שווער און ביטער מ'איז פארזאגרט און מ'ווייסט נישט ווי מ'גייט פון דא ווייטער, ס'זעהט אויס אז ס'איז נישטא א אפענונג, אויך ווען ס'איז "השתא עבדי" מ'איז געדריקט פון אלע זייטן און מ'האט פיר קשיות און אמאל אסאך מער פון דעם, דארף א ייד די גאנצע צייט וויסן און געדענקען אז דאס גייט נאר "ביז גאל ישראל" דאס אלעס וועט זיך ענדיגן מיט

גאל ישראל, דער אייבישטער וועט אונז ארויס נעמען פון דעם און אונז אויסלייזן פון אונזערע שווערע מצב, דער מצב וועט זיך ענדיגן מיט "גאל ישראל" מיט א גאולה און מיט א ישועה פאר כלל ישראל.

מ'מעג נישט פארלירען די אפענונג און די אמונה אז ס'וועט זיך ענדערן און פארבעסערן די מצב וואס מ'געפינט זיך אין דעם.

ווי אזוי ס'וועט קומען? ווי שנעל ס'וועט גיין? דאס ווענט זיך שוין אין די מעשים פון יעדער יוד, "ואומר לך בדמייך חיי ואומר לך בדמייך חיי" כדי די יידן זאלן קענען האבן די גאולה האבן זיי געדארפט שחט'ן דעם קרבן פסח - די עבודה זרה וואס גאנץ מצרים האט געגלייבט אין דעם און זיך געביקט צו דעם, און זיי האבן געמוזט אויס רופן אז זיי גלייבן נאר אין דעם אייבישטער.

ס'האט אויסגעפעלט די הכרזה פון כלל ישראל אז אונז גלייבן אז נאר ער האט די כח און די ממשלה צו מאכן מיט די וועלט וואס ער וויל, ס'האט אויסגעפעלט א אינעווייניגסטע געפיל אז דער אייבישטער איז דער איינציגסטער וואס קען יעצט העלפן און מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף קיינער אנדערש, און אונז גייען נאך אים מיט פארמאכטע אויגן במסירות נפש, אויך ווען מ'פארשטייט נישט און אויך ווען מ'ווייסט נישט פארוואס און ווי אזוי, בזכות דעם זענען זיי ארויס פון מצרים, און בזכות דעם וועלן מיר ארויס גיין פון אונזערע מצרים פון אונזערע ביטערע גלות און שווערע צייט בביאת גואל צדק במהרה, אמן.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW